# מאמר התחזקות:

**א רייכע אוצר פון הלכה און חיזוק אויף שמירת עינים**




געשריבן לויטן תוכן הספר
**שמירת עינים כהלכה**

וואס וועט בס"ד
ארויסגעגעבן ווערן דורך
**הוצאות טהור עינים**

שנה ד' גליון מ"ט | ימי הפורים תש"פ


געוואלדיגע מאמר!

## טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב!

# די זיסקייט פון א לעבן מיט שמירת עינים

א'

## היטן די אויגן ברענגט צופרידנהייט און שמחת החיים

*אין די ראמען פונעם 'מאמר התחזקות' זענען מיר געוואוינט צו ברענגען דעם חלק ההלכה און השקפה אויף שמירת עינים, די גרויסקייט און חשיבות פון היטן די אויגן, ווי ווייט דאס איז געגאנגען ביי צדיקים און ערליכע אידן בנפשם, און דעם חומר הדבר פון נישט זיין נזהר אין דעם ענין.*

*אצינד וועלן מיר בעזהשי"ת פרובירן צו אנקוקן די זאך פון אביסל אן אנדערן קוק ווינקל, זיך מתבונן זיין ווי שמירת עינים איז פאקטיש דער שליסל צו א גליקליך און צופרידן לעבן, צו דערגרייכן אמת'ע שמחת החיים. און נישט נאר ברוחניות, נאר טאקע אויך אינעם פשוט'ן גשמיות'דיגן סדר החיים, צו האבן א לעבן אנגעפולט מיט סיפוק און צופרידנהייט.*[א]

***

## שמירת עינים - א "פרעשור"

לערנענדיג די הלכות פון שמירת עינים און ווי ווייט מ'דארף אוועקשטיין פון א ראיה אסורה, קען אריינקומען א מחשבה'לע אין קאפ אז היטן די אויגן איז א שווערער לאסט וואס דער רבש"ע האט אנגעלאדנט אויף אונז; די מצווה פון "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם" איז א צוים וואס שיידט אונז אפ פון אלע פארגעניגנס וואס די וועלט האט פארצושטעלן.

נאר וואס, אזוי ווי מיר גלייבן דאך אין שכר ועונש, לייגן מיר צו א שטיקל 'טרייסט', אז סוף כל סוף וועט זיך לוינען דאס 'דורכצושוויצן' און באקומען דערפאר גאר א גרויסן שכר... און פארקערט, אויב מ'וועט זיך חלילה נישט היטן, וועט זיין ביטער ווי א גאל.

מ'שפירט ביי זיך אז דער וואס האט נישט די 'דאגה' פון שמירת עינים, דער לעבט א גליקליך לעבן, ער קען קוקן וואס ער וויל און גיין וואו ער וויל אן קיין אפהאלט. און איך, אלס איד, מוז נעבעך ליידן דעם 'פרעשור' פון שמירת עינים.

דאס איז גורם אז אפילו ווען מען שטארקט זיך יא, שפירט מען ביי זיך איינגעשפארט און צוקוועטשט. אנשטאט לעבן א גוטן טאג און הנאה האבן, הייסט מיר די תורה אז איך טאר נישט קוקן דא, איך טאר נישט טראכטן דאס, איך טאר נישט גיין דארט.

דער סך הכל איז, אז שמירת עינים האט ביי אים א שווערן נאך-טעם און אומאנגענעמען געפיל, ס'איז אן עול, א צמצום.

## דרכיה דרכי נועם - זיס!

אבער אינ'אמת'ן איז דער געדאנקענגאנג אינגאנצן נישט ריכטיג. ווייל כאטש ס'איז אוודאי אמת, ס'ווארט זיכער אפ א גאר גרויסן שכר אינעם עתיד אויף יעדער קלייניקייט וואס מ'שטארקט זיך אין שמירת עינים, דאך איז דער תועלת פון האלטן די אויגן אין קאנטראל אויך א געוואלדיגע טובה און תכלית פאר'ן מענטש שוין יעצט, אין זיין גאנצן מהלך

## למען תספר:

## איך וויל אויך אזא געשמאקן לעבן!

מיט עטליכע יאר צוריק איז א געוויסער בעל תשובה אין ארץ ישראל אוועק, און איינער פון די גדולים האבן אים מספיד געווען. האט ער געזאגט בתוך דבריו, אז דער נפטר האט אים אמאל פארציילט ווי אזוי ער איז נתעורר געווארן צו תשובה, וואס דאס טראגט מיט זיך א געוואלדיגן לימוד, ווי איינער וואס איז אויפגעוואקסן אין שאטן פון אלע הבלי עולם הזה האט אנערקענט וואו דער אמת'ער "עולם הזה" געפינט זיך.

געווען איז עס אמאל ווען ער האט זיך געפינען נעבן א געשעפט אין ארץ ישראל וועלכע האט געהאט ארויסגעשטעלט אינעם שוי פענסטער גאר מיאוס'ע בילדער. שטייענדיג דארט, האט ער אינמיטן באמערקט א חרד'ישן איד דורכגיין, און ער זעט ווי יענער הייבט ניטאמאל אויף די אויגן צו שענקען א בליק אויף די בילדער.

די מחזה האט אים מורא'דיג באנומען, ער האט אליין נישט געגלייבט וואס ער זעט: מילא דער קאפל אויפ'ן קאפ, דאס האט אים זיין מאמע אנגעטון ביי די דריי יאר, אויף דעם האט ער נישט קיין צוויי ברירות, אבער כאפן א בליק? ווער וועט אפילו וויסן? פון וואו נעמט ער די שטארקייט דערצו?

"זעענדיג ווי א חרדי איז גרייט מוותר זיין אויף דער הנאה פון קוקן אויף די שמוציגע בילדער," האט דער בעל תשובה אויסגעפירט, "בין איך געקומען צו די מסקנה אז ס'מוז זיין אז ער האט סיפוק פון ערגעץ אנדערש. ער האט זיכער גרעסערע הנאות פון דעם, וואס צוליב זיי איז ער גרייט צו אויפגעבן אויף דער הנאה. **ס'האט מיך אזוי איבערגענומען, אז איך האב מחליט געווען אז איך וויל אויך שפירן דעם געשמאק אין לעבן וואס יענער שפירט**."

"עטליכע טעג דערויף, בין איך געפארן צום ערשטן מאל צו א ישיבה פאר בעלי תשובה געוואויר צו ווערן וואס אט די הנאות און זיסקייט אין לעבן איז!"

**קדושת החיים** הקדמה


# זכות הוצאות הגליון

נתנדב ע"י הרבני הנגיד
מוה"ר **יוסף ישראל גרינפעלד** הי"ו
לברכה והצלחה בכל עניניו

ולע"נ אביו הרה"ח **דוד יהודה** ב"ר **אברהם שלמה** ע"ה
נפטר י"ז אדר ב' תשע"א

זכות הגדול של זיכוי הרבים יהיה לעילוי נשמתו שתהא צרורה בצרור החיים

**וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים:**

# אחשורוש'נס חשבון מיט חור כרפס ותכלת

מיר שטייען שוין מיטביידע פיס אין די ימי הפורים. די "משנכנס" טאוולען באצירן שוין אלע ווענט, די פארשטעלאכצער און גראגערס ווערן אפירגעשלעפט פון די בוידעמס, און די בעלי קורא שארפן זיך שוין דעם קול - ס'קומט פורים אויף דער וועלט!

אז מיר געבן א בליק אריין אין דער מגילה, באגעגענען מיר זיך גלייך אין אנפאנג מיט דער גרויסארטיגער סעודה פון אחשורוש. דאס איז נישט געווען סתם א סעודה, נאר עפעס אזוינס און אזעלכעס, וואס די וועלט האט נאכנישט געזען. הונדערט אכציג טעג, זיבן טעג, חור כרפס ותכלת, מטות זהב וכסף, רצפת בהט ושש ודר וסוחרת, ס'גיסט זיך וויין כיד המלך. און מער פון אלעם, יעדער איז "וועלקאם", מגדול ועד קטן, און מ'שטעלט צו כרצון איש ואיש.

גלאטערהייט אין די פסוקים זעט גארנישט אויס באזונדער פארדעכטיגט - ס'איז ממש א מחיה. אבער אז מ'שלעפט אראפ די מאסקע, מ'קוקט מיט א מער ניכטערן בליק אויף דער גאנצער זאך, זעט מען אז דא זענען געווען גאנץ אנדערע כוונות. די "פארטי פלענערס" פון דער גרויסארטיגער מאלצייט האבן פונקטליך אויספלאנירט יעדע "דעקארעישאן" ווי אזוי ס'זאל זיין, אלעס מיט טיפע חשבונות.

אינעם פירוש **מגילת סתרים** אויף דער מגילה, פונעם הייליגן חוות דעת, לייגט ער אראפ, באזירט אויף מדרשי חז"ל, ווי אלעס איז געווען מיט איין ציל: צו מאכן זינדיגן די אידן מיט ראיות אסורות, און אזוי ארום זיי ארייינשלעפן מיט הארבע עבירות רח"ל, ווייל אז ער האט דאס אויג, האט ער שוין אטאמאטיש דעם גאנצן מענטש.

ער ברענגט פונעם **מדרש** (אסתר רבה פ"ז ועוד) אז אחשורוש האט אוועקגעשטעלט נשים פרוצות פארנט פון די אויגן. און צו דעם צוועק, זאגט ער, האט ער פאראדנט צו מאכן די טייערסטע פירהאנגען מיט די שענסטע קאלירן, אויפגעהאנגען מיט די הערליכסטע שטריק אויף זילבערנע און מארמארנע זוילן - אלעס צו ציען דאס אויג. ער האט געוואלט מ'זאל זיך ארומקוקן אויף די אויג פארכאפנדע זאכן, און דעמאלטס וועט מען שוין זען דאס וואס **ער** וויל מ'זאל זען.

דער חוות דעת שרייבט ווייטער, אז אויך די סעודה פון ושתי האט געדינט דעם זעלבן ציל. די משתה נשים איז דירעקט געפראווועט געווארן סמוך ונראה צום חצר גינת ביתן המלך, וואו די מענער זענען געזיצן, כדי מ'זאל קענען אריינקוקן און נכשל ווערן מיט ראיות אסורות.

מיר געפינען אויך אין **מדרש** אז די פירהאנגען זענען געווען געמאכט מיט לעכער. גאנץ מעגליך אז דאס איז אויך נישט געווען ממש פאר שיינקייט, נאר טאקע צו מאכן לעכער אין דער מחיצה, מ'זאל קענען אריבערזען צו דער עזרת נשים (ספר פרסומי ניסא מדור אוצר המנוצר).

>>> המשך אויף זייט 3

החיים. און נישט נאר פאר זיין רוחניות, נאר טאקע אויך בגשמיות.

דער פסוק אין **משלי** (ג, יז) זאגט, "**דְּרָכֶיהָ דַרְכֵי נֹעַם וְכָל נְתִיבוֹתֶיהָ שָׁלוֹם**" - די וועגן פון דער תורה זענען זיס און ברענגען פרידן אויפ'ן מענטש. שרייבט אויף דעם דער **רלב"ג**:[ב]

אלע אנווייזונגען פון די תורה זענען מורא'דיג זיס פאר'ן מענטש, און דער באשעפער האט אונז נישט אנגעלייגט מיט קיין שום שווערע לאסט, ווייל אלעם וואס שטייט אין דער תורה, סיי די מצוות עשה און סיי די מצוות לא תעשה, זענען איינגענעם און געשמאק, זיי ברענגען שלימות און געזונט סיי פאר'ן גוף און סיי פאר דער נשמה. פארקערט ווי די רעליגיעס פון די גוים, וועלכע הייסן זייערע נאכפאלגער טון שווערע זאכן.

דער הייליגער **חתם סופר** שרייבט אויף א פלאץ (דרשות חת"ס, ח' טבת, דף צח) ענליכע גאר שטארקע ווערטער:[ג]

אפילו אויב דער עול התורה וואלט געווען א שווערער יאך אויף אונזער האלז, וואלטן מיר נאך אלץ געווען מחויב דאס מקבל צו זיין און ליידן. אבער דער אמת איז אז די תורה הקדושה איז ח"ו נישט קיין שווערער עול, נאר א שמחה און חדוה. מיר דארפן זיך פרייען מיט דעם וואס מיר זענען נישט פון די שוטים וואס פארברענגען זייערע טעג מיט שוואוילטאג און נארישע תענוגים, נאר מיר זענען דבוק אין א געטליכן חיות, אינעם הייליגן באשעפער. אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו!

דאס מציאות איז אז שמירת עינים - חוץ אלע נשמה'דיגע פארדינסטן וואס דאס ברענגט פאר א איד, אז זיין הארץ איז ריין און לויטער צו דינען דעם רבש"ע - איז דאס אויך א מורא'דיגע נוצן פאר'ן מענטש בגשמיות, וויבאלד ער באקומט דורכדעם אן אמת'ע שמחת החיים. היטן די אויגן ברענגט מ'זאל האבן א גליקליך און צופרידן לעבן, זיין א 'שמח בחלקו', און שפירן זאט מיט'ן אייגענעם חלק וואס דער רבש"ע האט אים געשאנקען.

## האלט דיין נפש נאטורליך און געזונט!

די סיבה פארוואס שמירת עינים איז דער שליסל צו אמת'ע סיפוק און שמחה איז, ווייל דאס ברענגט דעם מענטש צו זיין מיושב'דיג און פארמאגן א געזונט נפש, און אזוי ארום לעבן א רואיג לעבן מיט הרחבת הדעת און מנוחה. אן אפגעהיטענער מענטש האט די מעגליכקייט זיך צו פארנעמען ריכטיג סיי מיט זיינע רוחניות'דיגע צילן און סיי מיט זיינע גשמיות'דיגע צרכים, ער שפירט באפרידיגט און צופרידן, און ער שעפט סיפוק פון אלע זאכן מיט וואס ער באשעפטיגט זיך במשך זיין טאג טעגליכן סדר היום.

אבער איינער וואס האלט נישט זיינע אויגן אין קאנטראל, ער איז נישט בעל הבית אויף זיך און ער פארנעמט זיך מיט די סארט הבלים, איז ער פשוט 'אינו מן הישוב', זיין קאפ שטייט אים נישט גראד, ער איז נישט באזעצן, און ער קען נישט פירן קיין נארמאלן לעבנסשטייגער.

סיי דאס שלעפט אריין דעם מענטש אין אומגעזונטע געוואוינהייטן וואס צושטערט זיין סדר החיים, און נאכמער, דאס וואס ער קען זיך נישט באהערשן איז גורם אז ס'זאל אנהייבן נעסטיגן טיף אין אים אן אומצופרידנהייט, ער פארלירט די זאטקייט וואס א מענטש פארמאגט נאטורליך, און דורכדעם פארלירט ער זיין שמחת החיים, ס'ברענגט אויף אים אן עצבות און ס'צושטערט זיין רואיגקייט.

שלמה המלך, דער חכם מכל אדם, לערנט אונז (קהלת ז, כט): "**עָשָׂה הָאֱלֹקִים אֶת הָאָדָם יָשָׁר וְהֵמָּה בִקְשׁוּ**

### מקורות והוספות

**א]** חלק מהמקורות למאמר זה לקטנו מתוך הספר הנפלא **"עבודת ה' בשמחה"** שער ג' - גודל התענוג שיש ביהדות, פרק א'. וכן שאבנו הרבה דברים יקרים מספר הנפלא **"מלחמת קודש"** מתוך כמה מקומות בהספר. ובאנו בזה להחזיק טוביתא להמחבר שליט"א, שעשה ויגע ללקט אוצר בלום מתוך אלפי ספרי קודש, ראשונים ואחרונים, בכל ענינים המסתעפים לקדושה ושמירת עינים. זיכה רבים וזכה להאיר עיני ישראל בעבודתו הנפלאה, וצדקתו עומדת לעד.

**ב]** זה לשון **הרלב"ג**: "הנה דרכי התורה הם דרכים שינעמו וימתקו מאד לאדם, כי לא העמיסה על האדם שום מעמס יקשה לו, אבל כל מה שבה מן המצות והאזהרות הם דברים ערבים ורצויים בעצמותם. לא כנימוסי הגוים שהיו מעמיסים בהם דברים קשים, גם את בניהם ואת בנותיהם ישרפו באש לאלהיהם. וכל נתיבות התורה הם שלום לגוף ולנפש, כמו שהתבאר מדברינו בדברי התורה, כי כלם ישירו אל בריאות הגוף ובריאות הנפש. הנה התורה היא עץ חיים לאשר הם מחזיקים בה לשמור ולעשות ולחקור בעניניה".

**ג]** זה לשון **החתם סופר**: "אף על פי שהאמת הוא שאפילו עול תורה כבד על צוארינו היינו מחויבים לקבלו ולסבלו, אבל חלילה וחס אין זה עול כבד, כי אם שמחה וחדוה, אשרינו ומה טוב חלקינו שלא שם חלקינו מן התועים והשוטים האלו יושבי בתי טרטיאות, אוכלים ושותים ובחייהם, ואתם הדבקים בה' אלוקיכם חיים כולכם היום". וכתב שם עוד: "צריכים אָנו להטות שכמנו לקבל עול תורה ומצוות ולהיות עבדים לאלוקים, אנו עבדים מכורים במסורת התורה, ומה יעשה ישראל ואפשי בבשר חזיר והלוך בבתי טרטיאות ובקציצת פאת הראש והזקן, אבל מה יעשה והתורה אסרתה (תו"כ קדושים כ, קכח), **והוא יהודי כשר ואינו רוצה למרוד על אדונו ית"ש שהוא עבד נמכר לו, זהו עובד ה' כל ימיו, והוא לעול על צוארו, אך הוא יהודי כשר, ועל עבודה זו נאמר** (דברים כח, מז-מח) **'תחת אשר לא עבדת את ה' אלוקיך בשמחה וטוב לבב'**".

**חֶשְׁבֹּנוֹת רַבִּים**" - דער באשעפער באשאפט א מענטש גלייך, נאר די מענטשן זוכן זיך אליין אסאך "חשבונות". זיי גייען אוועק פון אט דער נאטורליכער גלייכקייט און טרעפן זיך נייע "גליקן".

דאס מיינט אז ווען א מענטש, יציר כפיו של הקדוש ברוך הוא, ווערט באשאפן, איז ער גאנץ; זיין מח איז גלייך, זיין הארץ איז ריין, זיין נפש איז לויטער. ער דארף נאר זען צו בלייבן מיט זיין געבוירענער איידלקייט, נישט אנפילן דאס הארץ מיט שלעכטע זאכן, נישט אוועקגיין פונעם גראדן וועג צו זייטיגע בלאטיגע וועגן, נישט מאכן קראנק דאס נאטורליך געזונטע נפש.

דער הייליגער **רמב"ם** שרייבט אין הלכות דעות (פ"ב ה"א):[ד] "פונקט ווי מענטשן וואס זענען קראנק אויפ'ן גוף, שפירן אויף ביטערע עסן זיס און אויף זיסע עסן ביטער. ס'זענען אפילו דא אזעלכע חולים וואס גלוסטן צו עסן זאכן וואס זענען נישט ראוי לאכילה, ווי ערד און קוילן, און עקלען זיך פון גוטע עסן, ווי ברויט און פלייש. דאס זעלבע איז מיט מענטשן וואס זייער נפש איז קראנק. זיי גלוסטן און האבן ליב שלעכטע זאכן, און האבן פיינט דעם גוטן וועג, זיי ווילן זיך נישט פירן לויט דעם און קענען עס נישט פארנעמען".

דאס איז וואס פאסירט מיט איינער וואס האט נישט קיין שליטה אויף זיינע אויגן און ער רייצט זיי מיט פרעמדע זאכן, ער מאכט קאליע זיין נאטורליכע נפש, און ער דערלייגט די מעגליכקייט צו געניסן פון וואס דער רבש"ע האט אים צוגעשטעלט. די ראיות אסורות צושטורעמען זיין לעבן, און אנשטאט צו האבן א מיושב'דיגער לעבן אנגעפילט מיט צופרידנהייט און סיפוק, פארטוישט ער דאס צו אן אומגליקליך פארטונקלט לעבן.

# ראיות אסורות רויבן צו דעם מענטש'נס מנוחה

מען דארף נישט זיין קיין גרויסער בעל מח דאס צו פארשטיין, אז א מענטש וואס לעבט נישט מיט אפגעהיטענע אויגן און ער געוואוינט זיך איין נאכצוגיין וואס זיין הארץ גלוסט, וועט ער קיינמאל נישט זיין צופרידן, ס'איז מים שאין להם סוף, ער וועט קיינמאל נישט אנקומען צו ווערן זאט. דער עולם הזה'דיגער חן צו וואס ער בינדט זיך צו וועט אים נישט לאזן פריי, נאר אים שטענדיג האלטן באהאפטן צו אן ענדלאזער קייט פון טראכטן און גלוסטן פרעמדע גליקן - ער לייגט זיך אריין אין א תפיסה מיט די אייגענע הענט.

צדיקים האבן דאס צוגעשטעלט צו איינעם וואס פרובירט צו שטילן זיין דארשט דורכ'ן טרינקען געזאלצענע וואסער, און ווען ער זעט אז ער ווערט בלויז מער דארשטיג דורכדעם, נעמט ער נאך א גלעזל פונעם געזאלצענעם וואסער, און אזוי נאך איינס און נאך איינס. דער שפיל ענדיגט זיך קיינמאל נישט, יעדעס גלעזל אנשטאט ס'זאל אים אוועקנעמען דעם דארשט, מאכט עס נאר ערגער, ער ווערט אלס מער און מער דארשטיג, און אינצווישן שעדיגט ער זיינע אינערליכע אברים פון אזויפיל זאלץ...

דער **חינוך** שרייבט דעם יסוד ביי דער מצוה פון "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם" (מצוה שפ"ז), און ער גיבט דאס צו פארשטיין מיט קורצע אבער טיפזיניגע ווערטער:[ה]

**כָּל אִישׁ בְּהַרְגִּילוֹ בְּתַאֲוֹות וּבְהִתְמִידוֹ בָּהֶן, יֶחֱזַק עָלָיו יִצְרוֹ הָרַע יוֹם יוֹם. וּבְהִמָּנְעוֹ מֵהֶם, יִשְׂמַח בְּחֶלְקוֹ תָּמִיד כָּל הַיּוֹם, וְיִרְאֶה כִּי עָשָׂה הָאֱלֹקִים אֶת הָאָדָם יָשָׁר וְהֵמָּה בִּקְשׁוּ חֶשְׁבּוֹנוֹת רַבִּים לְלֹא תוֹעֶלֶת שֶׁל כְּלוּם.**

"אויב א מענטש היט זיך נישט זיינע אויגן און ער געוואוינט זיך איין נאכצוגיין וואס זיין הארץ גלוסט וועלן זיינע תאוות זיך בלויז שטארקן יעדן טאג מער און מער, און ער וועט קיינמאל נישט זיין צופרידן מיט וואס ער האט. אבער אויב האלט ער זיך צוריק פון זיינע תאוות, וועט ער שטענדיג זיין א שמח בחלקו, ער וועט זיך פרייען מיט זיין טייל וואס דער באשעפער האט אים געגעבן, און ער וועט איינזען אז דער באשעפער האט באשאפן די מענטשן אויפ'ן ריכטיגן, גראדן וועג, און זיי זענען פארקראכן דערפון דורכ'ן זוכן תאוות און הבלים וואס ברענגען נישט קיין שום תועלת".

און דער חינוך איז דאס דארט מסביר, אז ס'איז גלייך צו א שיכור וועלכער איז צוגעבינדן צום ביטערן טראפ, וואס ס'דאכט זיך אים אלץ אז ווען ער וועט טרינקען א גלעזל וויין, וועט עס אים באפרידיגן, אבער דער אמת איז פארקערט, ווי מער ער טרינקט, אלץ מער ווערט ער צוגעבינדן דערצו און אנגעוויזן אין נאך. פון דער אנדערער זייט, אויב שטעלט ער זיך אפ און ער מאכט אפ אז ער טרינקט נישט מער, וועט עס אים ביז א קורצער צייט בכלל נישט מער ציען און ס'וועט אים זיין גוט אן דעם. ס'איז טאקע נישט גרינג, אבער ווי זיס איז פאר דעם וואס באווייזט עס.

- המשך המאמר בגליון הבא -

### מקורות והוספות

**ד]** לשון **הרמב"ם**: "חולי הגוף טועמים המר מתוק ומתוק מר. ויש מן החולים מי שמתאוה ותאר למאכלות שאינן ראויין לאכילה כגון העפר והפחם, ושונא המאכלות הטובים כגון הפת והבשר, הכל לפי רוב החולי. כך בני אדם שנפשותיהם חולות, מתאוים ואוהבים הדעות הרעות ושוניאם הדרך הטובה ומעצלים ללכת בה והיא כבידה עליהם למאד, לפי חליים".

**ה]** זהו לשון **החינוך** בשלימות: "התאוה תמשך הבשר כמשוך היין אל שותיו. כי הסובאים לא תשבע נפשם לעולםביין, אבל יתאו אליו תאוה גדולה, ולפי הרגילם נפשם בו, תחזק עליהם תאותם, ולו ישתו שם כוס מים, יפיג יקוד אש תאות היין ויערב להם. כן הדבר הזה, כל איש בהרגילו בתאוות ובהתמידו בהן, יחזק עליו יצרו הרע יום יום, ובהמנעו מהם ישמח בחלקו תמיד כל היום, ויראה כי עשה האלקים את האדם ישר והמה בקשו חשבונות רבים ללא תועלת של כלום".

>>> המשך פון זייט 2

און אחשורוש איז נישט געווען קיין נאר, ער האט פארשטאנען אז אויב וועט ער אפיציעל מאכן א מאלצייט אָן מחיצות, ס'וועלן זיין געמיינע זאכן בריש גלי, וועלן ארויסקומען גרויסע קול קורא'ס און ס'וועט פראקלאמירט ווערן אן איסור חמור זיך צו משתתף זיין ביי דער פריצות'דיגער מאלצייט. האט ער דעריבער אפיציעל געמאלדן אז מ'האט זיך גערעכנט מיט די פרומע אידן, מ'האט ספעציעל געלאזט מאכן טייערע מחיצות און ס'איז אלעס כשר וישר. און אז געוויסע וועלן פארפירן אז די פירהאנגען זענען לעכעריג, וועלן זיי זיין די "עקסטרעמיסטן" וואס זוכן פראבלעמען...

און וואס טוט זיך מיט דער פרעכטיגער רצפת בהט ושש ודר וסוחרת, די טייערע טיילס וואס מ'האט געברענגט צו שלעפן פון אלע עקן וועלט צום גרויסארטיגן מעמד? זיי זענען אויך נישט געווען אזוי אומשולדיג ווי זיי מאכן דעם איינדרוק. **רבי מיכעלע מנתני' זצ"ל** פלעגט נאכזאגן, אז אחשורוש האט דאך געוואוסט אז ס'וועלן אויך זיין אנוועזנד ביי דער סעודה אזעלכע אידן וואס וועלן אראפקוקן אויף דער ערד נישט ווילנדיג כאפן א בליק אויף אלעם וואס ער וויל מ'זאל זען. נו, וואס טוט מען? איז ער געקומען אויף א פלאן צו אויסלייגן שפיגלען וועלכע זאלן אפשפיגלען דעם גאנצן מעמד. און צו דעם צוועק האט ער אויסגעפלאסטערט די ערד מיט די שיינע גלאנציגע טיילס...

ליידער, געפינען מיר אין די מדרשים, האט אחשורוש'נס פלאן געשלאגן ווארצלען. איבער **אכצן טויזנט** אידן פון שושן האבן זיך געלאזט ארייננשלעפן אין זיין נעץ (ילקוט שמעוני רמז תתרנ"ז). זיי האבן מיטגעהאלטן דער סעודה, און נכשל געווארן מיט הארבע עבירות רח"ל, נישט וויסנדיג אז דער רשע וטמא האט זיי דא פארנארט מיט אביסל עסן און טרינקען און שיינע פירהאנגען.

~

דער אמת איז, אז מ'טראכט אריין א מינוט, פארוואס זענען מיר אזעלכע שווארץ-קוקער? וואס האבן מיר אזעלכע טענות אויף די שושנ'ע אידן? וואס האבן זיי דען שלעכטס געטון מיט'ן גיין צו דער סעודה? מיר ווייסן דאך וואס די גמרא זאגט אז די סעודה איז געווען כרצון המן ומרדכי. דאס מיינט אז אחשורוש האט זיך באמת "צוגעשטעלט", ער האט שווער געארבעט אז די סעודה זאל זיין אהערגעשטעלט הונדערט פראצענט אויסגעהאלטן; ער האט באשטעלט די היימישסטע השגחה, אפגעטיילט א באזונדערע סעודה פאר די פרויען אינעם פאלאץ מיט ושתי'נען, און געזען אלעס זאל קלאפן כדת וכדין. זענען דען די אידן געווען מחויב אפירצוקראצן חששות פון אונטער דער ערד? זיי האבן דאך נישט געוואוסט אז אחשורוש שטעלט זיי דא אונטער א פאסטקע!

דער תירוץ אויף דעם איז, יא, מ'טאר נישט זיין אזא תמים. נוץ אביסל דיין חוש הריח צו "דערשמעקן" אז עפעס טויג נישט דא. זע אז ערליכע אידן זענען נישט אזוי באגייסטערט פונעם גאנצן מצב, די גאנצע זאך שמעקט זיי נישט. פאלג מרדכי הצדיק וואס שרייט אז מ'זאל נישט גיין, אפילו דו פארשטייסט אפשר נישט אזוי גוט פארוואס.

>>> המשך אויף זייט 4

# מכתבים למערכת:

לערנבארע מעשיות און אייגענע ערפארונג
איבערגעגעבן דורך די חשוב'ע ליינער פונעם גליון

## נישט זיין שיכור

אין אייער גליון (ולא תתורו ח"ב) האט איר ארויסגעברענגט שטארק יסודות'דיג מפי ספרים וסופרים די טענה וואס דער יצר הרע שטעלט פאָר ביי שמירת עינים אז "מיר וועט דאס נישט שאטן". איך וויל מוסיף זיין איבער דעם ענין א משל וואס ווערט געברענגט אין ספה"ק **תולדות יעקב יוסף** (כי תבוא) בשם דעם הייליגן **בעש"ט זי"ע**:

צוויי מענטשן האבן דורכגעשפרייזט א וואלד, איינער איז געווען ניכטער און דער אנדערער איז געווען שיכור. אינמיטן וועג זענען זיי איבערגעפאלן געווארן דורך רויבער, וועלכע האבן זיי צושלאגן און באַגנב'עט אזש זיי זענען קוים ארויס מיט'ן לעבן.

אנקומענדיג צו דער צווייטער זייט וואלד, האבן זיי אנגעטראפן א גרופע מענטשן וועלכע האבן געהאלטן ביים אריינגיין אין וואלד, און די מענטשן האבן זיך נאכגעפרעגט ביי די צוויי ווי אזוי די וועגן אינעווייניג אין וואלד זענען, צי אלעס איז מסודר.

דער ניכטערער האט זיי גלייך געווארנט אז זיי זאלן נישט אריינגיין אינעם וואלד, וויבאלד ס'געפינען זיך דארט רויבער, אבער דער שיכור האט זיי געזאגט אז אלעס איז פיין, זיי קענען רואיג גיין ווייטער. האבן אים די מענטשן געפרעגט, "און וואס זענען די אלע באַלן און קלעפ וואס מ'דערקענט אויף דיר?" אבער דער שיכור האט נישט געוואוסט צו ענטפערן, ער האט נישט געהאט קיין אנונג אפילו אז עפעס האט מיט אים פאסירט.

די זעלבע זאך, פירט דער בעש"ט הק' אויס, איז מיט דער מלחמת היצר. א צדיק ווען ער זעט דעם יצר הרע, ווייסט ער זיך צו היטן פון אים און אכטונג געבן נישט אריינצופאלן. אבער א רשע אפילו ער זעט דעם יצר הרע, פרייט ער זיך מיט אים, ער פארשטייט נישט ווי טיף ער פאלט אריין.

ביי שמירת עינים קען מען דאס אפטמאל זען, ווי ס'איז דא מענטשן וואס גייען אויף געוויסע פלעצער אדער טוען זאכן מיט'ן אויסרייד אז ס'שאדט זיי נישט. דער מענטש איז פשוט "שיכור", ער קוקט און הערט אומאויסגעהאלטענע זאכן, און ער שפירט נישט ווי ער ווערט צובאלט און צוזעצט, ווי יעדע ראיה אסורה איז א שטאך פאר דער נשמה.

פון דער אנדערער זייט, אן ערליכער איד ווען ער באמערקט עפעס וואס טויג נישט אדער ער דארף זיך געפינען אויף אן אומריינעם פלאץ, שפירט ער אן איבל, ער שפירט א זעץ. ער איז ניכטער, ער קוקט אן דאס מציאות מיט א ניכטערן בליק, און ער שפירט די סכנה, און ער אנטלויפט דערפון כמטחוי קשת!

ש.ש.

## דער ס"מ איז שוין דא און ער טוט זיין עבודה

לכבוד דער חשוב'ער מערכת טהור עינים.

אינעם פריערדיגן גליון (מז) האט איר אראפגעברענגט פונעם צל"ח אז אויב א איד היט זיך נישט אפ ריכטיג בעניני שמירת עינים, עפנט ער דורכדעם א טיר פאר'ן יצר הרע. איז כדאי אראפצוברענגען בשייכת מיט דעם א ווארט פון הרה"ק **מוהרנ"צ מבאבוב זצ"ל**, וועמענ'ס יארצייט געפאלט י"ב אדר.

אין פרשת בשלח אויפ'ן פסוק "וישאו בני ישראל את עיניהם והנה מצרים נוסע אחריהם", טייטשט דער באבובער רב זצ"ל: "וישאו בני ישראל את עיניהם", אויב אידישע קינדער הייבן אויף די אויגן און היטן זיך חלילה נישט ריכטיג ווי מ'דארף, איז גלייך "והנה מצרים נוסע אחריהם", דער ס"מ איז שוין דא און ער טוט זיין עבודה.

אין אן אנדערער געלעגנהייט אין א שמועס איבער שמירת עינים דריקט ער זיך אויס, **"ומי שאינו נזהר בזה ונכשל בהם, עלול להתגלגל עד שאול תחתיה רח"ל"**. און ער זאגט ווייטער, **"צריכים להניח דגוש על זה ולחקוק דבר זה היטב בעצמותם, שבעת לכתם ברחובה של עיר, ישמרו מאוד על קדושת עיניהם ולא יביטו יותר מהצריך להם, וודאי שלא יביטו בדברים האסורים ח"ו"**, עכ"ל.

(-) מאנסי

## נישט געוואוסט צו געבן אינפארמאציע

עס דערציילט אונז א חשוב'ער **מורה הוראה שליט"א** מיט גרויס התפעלות:

"איך קען א בעה"ב וואס פירט א שיינע ביזנעס און האט ביי זיך עטליכע מיידלעך וואס ארבייטן ביי אים. איין טאג איז געווען איינער וואס האט געזוכט אינפארמאציע אויף איינע פון די מיידלעך פאר א שידוך, און ער איז געגאנגען צום בעה"ב ביי וועמען די מיידל ארבעט שוין א לאנגער צייט זיך נאכפרעגן אויף איר. דער בעה"ב האט אים אבער געענטפערט מיט א פשטות אז ער קוקט קיינמאל נישט אויף די מיידלעך וואס ארבעטן ביי אים, און ממילא קען ער איר לגמרי נישט!

"דאס מיינט אן ערליכער בעל הבית", פירט אויס דער דיין שליט"א, "ער היט זיך די אויגן אן קיין חכמות, אזוי ווי ערליכע אידן אין אלע דורות האבן זיך געפירט!"

**געהערט פונעם דיין שליט"א**

## נחלת הכלל

איך פלעג אלעמאל דורכליינען אייער גליון, נעמענדיג דערפון גאר אסאך חיזוק, און איך האב אלץ געקלערט אז איך בין פונעם מיעוט מענטשן וואס דארף חיזוק אין דעם ענין. לעצטנס האב איך באמערקט אז ווען מ'לייגט ארויס דעם פרישן גליון אין מיין ביהמ"ד, ווערט עס גלייך צוכאפט און דער עולם ליינט עס מיט אן ערנסטקייט, און פון די עטליכע הונדערט שטיק וואס ווערן ארויסגעלייגט בלייבט כמעט נישט איבער.

דער אויבערשטער זאל אייך געבן די כוחות ווייטער אנצוגיין!

(-)

הוצאות
טהור עינים
Cong. Tahor Eineyim | 802.327.3592
1 Karlsburg Rd. #203 Monroe NY 10950
פאר נדבות, הערות, רופט:
802.327.3592
*נשמח לשמוע הערות
צו מפרסם זיין א מעשה רופט:
845.206.9879
אדער שיקט אויף פאסט צום מערכת

כל הזכויות שמורות
הרשות נתונה לצלם הגליון כמות שהוא על מנת לזכות הרבים, אבל אסור להעתיק ממנה קטעים בלי רשות המערכת
צו העלפן אויסטיילן דעם גליון פארבינדט אייך מיטן מערכת

על הטוב יזכר
כל הנדבנים החשובים
שנדבו רוחם לתרום סכום הגון מידי חודש בחדשו, וגם אלו שנתנו נדבת לבם בעילום שם
ובס"ה נדבו זכות האדיר של 8,000 גליונות
~
זכות 3,000 גליונות
נתנדב לע"נ הרה"ק רבי **ישעי' ב"ר משה מקערעסטיר** זי"ע - ולע"נ הרה"ק רבי **חיים זאנוויל ב"ר משה מריבניץ** זי"ע
~
זכות 2,000 גליונות
נתנדב ע"י מוה"ר **זלמן זילבער** הי"ו
לברכה והצלחה בכל עניניו
ואלו שקנו זכות 1,000 גליונות:
הרה"ח **חיים בצלאל בלום** הי"ו
לברכה והצלחה בכל עניניו
מוה"ר **הרוצה בעילום שמו** הי"ו
לברכה והצלחה בכל עניניו
הרה"ח **וועלוול גאלדשטיין** הי"ו
לזכות כל התורמים למוסדות בית לפליטות

## ומי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים:

>>> המשך פון זייט 3

ריכטיג אז מ'האט נישט געקענט אנצייגן מיט'ן פינגער אויף עפעס אן הלכה'דיגער פראבלעם, אויבנאויף האט אלעס געקלאפט מיט'ן שלחן ערוך. אבער נישט אלעמאל דארף מען זוכן בלויז אין די ד' חלקי שלחן ערוך, אפטמאל געפינט זיך דער תירוץ אינעם פינפטן חלק...

דער הייליגער **מהרי"ט** (צפנת פענח דרוש לפרשת כי תצא) טייטשט דער פסוק (קהלת ז' כ') **"אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא"**, אז "צדיק" מיינט "א גערעכטער", איינער וואס זוכט אלעמאל צו טון פונקט וואס מ'מוז, ער איז נישט מוסיף זיך צו דערווייטערן פון זאכן וואס שמעקן נישט גוט. אויף אזא איינעם זאגט דער פסוק אז ס'איז לא ימלט אז ער זאל נישט צוקומען צו חטאים. דו ווייסט גאנץ גוט אז אחשורוש איז נישט קיין ל"ו צדיק, און ער איז נישט דא צו אויפטון פאר אידישקייט, טיף טיף פארשטייסטו אז ער וויל דא עפעס אנדערש...

~

מיר קענען פון דעם ארויסנעמען א שטארקן לימוד אויף אונזער דור. די אלע חברה פון דעמאלטס, אחשורוש, המן, ושתי, די אלע שלאפן נישט. איין חילוק איז נאר דא פון היינט און דעמאלטס, אז היינט דארף מען נישט גיין ביז אחשורוש'נס הויף אין שושן הבירה, נאר די גאנצע גאס, ווי נאר מ'טרעט ארויס פון די ד' אמות, איז איין שטיק סעודת אחשורוש, איין שטיק ושתי המלכה מיט עצות פון זרש'ן.

די גאנצע טומאה און זוהמא איז באדעקט מיט שיינע פירהאנגען, און יעדער איז "וועלקאם", לעשות כרצון איש ואיש. אחשורוש שטעלט צו פאר יעדן, מגדול ועד קטן, יעדער האט אליין א בחירה. אבער אלעס איז דא צו ציען דאס אויג, דו קום נאר און קוק, כאפ נאר איין בליק, ער דארף נישט מער.

מיר האבן בלויז איין עצה, צו אויסהערן וואס מרדכי הצדיק זאגט. מיר דארפן פאלגן און מקיים זיין וואס די ערליכע אידן הייסן, און דאס וועט אונז מציל זיין פון אלע נסיונות, ס'וועט זיין ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר!

**א פרייליכן פורים פאר אלע ליינער!**